בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון
פאר'ן שבת טיש

פרשת
אחרי קדושים
י"ב אייר שנת תשפ"א
לפ"ק
שנה 2, גליון 20
(35)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תִּשָּׂא, שַׁבָּת פָּרָה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועןאִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת און צוּגֶעעֶנְדִיגְט מַעֲשֶׂה ז, מְזֻבּוּב וְעַכְבִּישׁ [חֵלֶק ו].

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

און הָאט מִיט זִיךְ גִיבְּרַאכְט אֵיין אַלְטִיטְשְׁקִין אֵיין אַיינְגֶעבּוֹיגִינֶעם. וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיקָאנְט מִיט אִים פוּן לַאנְג (דְהַיְינוּ דֶער בַּעַל דָבָר הָאט זִיךְ מִיט דֶעם אַלְטְן גִיקָאנְט פוּן לַאנְג) און עֶר הָאט גִילַאכְט. און הָאט גִיזָאגְט. אִיךְ הָאבּ מִיר שׁוֹין אֵיין עֵצָה גִיגִיבְּן. דִי נְשָׁמָה מֶעג שׁוֹין אַרָאפּ גֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. הָאט מֶען גִילָאזְט דִי נְשָׁמָה אִיז זִי אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַּרְסְמוֹן): וָואס אִיז זֵייעֶר עֵצָה וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן? 'לַאכְן', מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן און מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דִי סְפָרִים. דָאס אִיז לֵיידֶער דִי וֶועג פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִוי אַזוֹי עֶר פְּרוּבִּירְט אַוֶועקְצוּנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ -וָואס זַיין חַיּוּת אִיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן טוּישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְן - פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וָואס טוּט עֶר? עֶר וֵוייסְט אַז אֵיין זַאךְ ווִיל קֵיינֶער נִישְׁט, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט זַיין דֶער חוֹזֶק אִין דִי אוֹיגְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְשְׁמֵייכְלֶען אוּנְטֶער אִים, דֶערְפַאר בְּרֶענְגְט עֶר לֵיצָנוּת און לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן כְּדֵי אַלֶע זָאלְן לַאכְן און אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן דִי וָואס קוּמֶען צוּ אִים. אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אָבֶּער דֶעם חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער רֶעדְט און וָואס דֶער קְרִימְט מִיט דִי נָאז, אִיךְ בַּאקוּם חַיּוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען, אִיךְ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ וֶועג אִין שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער רֶבִּי הֶעלְפְּט מִיר אִין יֶעדֶע זַאךְ, פוּן אַזַא רֶבִּי'ן וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין.

און עֶר הָאט גִיזֶעהְן (דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ) וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן מִתְּחִילָה וְעַד סוֹף.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכב): אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין מַיינֶע אוֹיגְן אוֹיס גִיקוּקְט אוֹיף אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער", דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעקוּקְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט וֶוערְן מְקוֹרָב צוּ אִים.

און וִוי עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ מֶלֶךְ. און דִי מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט גִיהַאט וְכוּ'.

דִי מִלְחָמוֹת דָאס זֶענֶען דִי מַחֲלֹקֶת און מְנִיעוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן דַארְף דוּרְכְגֵיין.

און עֶר הָאט גִינוּמֶען שְׁבוּיִם.

דִי 'שְׁבוּיִם' זֶענֶען מִיר, אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק

<<<

## חִינוּךְ ווִינְקֶל

גענומען פונעם קונטרס "אידישקייט איז שיין"

### זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס מֶען גֵייט רֶעדְן אִין כִּתָּה

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, גְרֵייטְס אָן דִי לִימוּדִים פוּן פָארְאוֹיס, אַ לֶערֶערִין מוּז זַיין אָנְגֶעגְרֵייט אָנְהֵייבּ וָואךְ וָואס זִי גֵייט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער; צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי לֶערֶערִין וָואס לֶערְנְט אוֹיס עִבְרִי דַארְף זַיין אָנְגֶעגְרֵייט וִויפִיל עִבְרִי מֶען גֵייט אָנְקוּמֶען דִי וָואךְ, דִי לֶערֶערִין וָואס לֶערְנְט פַּרְשָׁה דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פוּן וָואס זִי גֵייט רֶעדְן דִי וָואךְ, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט.

הַיינְט אִיז זֵייעֶר גְרִינְג זִיךְ פָארְצוּקוּקְן דִי פַּרְשָׁה; עֶס אִיז דָא טֶעיִפְּס פוּן מְלַמְּדִים וָואס לֵייגְן אַרָאפּ דִי פַּרְשָׁה הֶערְלִיךְ שֵׁיין מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים. מֶען קֶען דָאס אוֹיסְהֶערְן און אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן וָואס מֶען גֵייט רֶעדְן, און צֶעטֵיילְן דִי פַּרְשָׁה פַאר דִי וָואךְ.

דִי וָואךְ אִיז פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, הָאבְּן מִיר אַ שֵׁיינֶע פַּרְשָׁה מִיט הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת; דִי מַעֲשֶׂה פוּן סְדוֹם, דִי עֲקֵדָה און אַזוֹי וַוייטֶער. מֶען קֶען דָאס אַיינְטֵיילְן אִין אַ סֵדֶר, אֵיין טָאג רֶעדְט מֶען פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵייטְן; מֶען דֶערְצֵיילְט וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אִין סְדוֹם, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט גֶעבְּן צְדָקָה, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעמֶעגְט אַיינְטֵיילְן מִיט דִי רִיסֶעס, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעמֶעגְט גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵייטְן, וֶוער עֶס הָאט עֶפֶּעס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵייטְן הָאט מֶען אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטָאט; דֶערְנָאךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּן אֲבִימֶלֶךְ; דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי עֲקֵדָה; דִי מַעֲשֶׂה פוּן יִצְחָקְ'ס גֶעבּוּרְט; אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אָבֶּער דָאס צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דַארְף מֶען זַיין אָנְגֶעגְרֵייט פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, מֶען קֶען נִישְׁט סְתַּם אַרַיינְקוּמֶען אִין קְלַאס אָן וִויסְן קְלָאר פוּן פָארְאוֹיס וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען יֶענֶעם טָאג.

### רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ

וֶוען אַ לֶערֶערִין זֶעט אַ קִינְד אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, דָאס גֵייט אַזוֹי אָן אֵיין טָאג, צְוֵויי טֶעג, דְרֵיי טֶעג, - קֶען זִי נִישְׁט אַהֵיים גֵיין אָן זִיךְ וואוּסְנְדִיג מַאכְן דֶערְפוּן, בִּפְרַט בַּיי דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ; אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, דַארְף מֶען וִויסְן עֶפֶּעס גֵייט דָא פָאר. דִי לֶערֶערִין דַארְף אִיר רוּפְן אִין אַ זַייט, אֶפְשָׁר וֶועט זִי זִיךְ עֶפֶענֶען פַאר אִיר, אֶפְשָׁר וֶועט זִי אִיר דֶערְצֵיילְן אַז זִי גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערִיקֵייט; מֶען קֶען דוּרְךְ דֶעם אַמָאל רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, פָּשׁוּט רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשְׁן'ס לֶעבְּן.

אִיז עֶר גֶעפַאנְגֶען אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

און צְווִישְׁן דִי שְׁבוּיִם אִיז גִיוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר. וָואס זִי הָאט גִיהַאט אַלִירְלֵיי חֵן פוּן דֶער וֶועלְט. נָאר דֶער חֵן אִיז נִיט גִיוֶוען פוּן אִיר אַלֵיין. נָאר סֶע הָאט אוֹיף אִיר גִיהָאנְגֶען אַ דוּמִיט. און דֶער דוּמִיט הָאט גִיהַאט אַלִירְלֵיי חֵן.

דֶער דֵיימַאנְט שְׁטֵיין דָאס אִיז דִי רֵיינֶע 'אֱמוּנָה'; וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא טז:): "אֶבֶן טוֹבָה הָיְתָה תְּלוּיָה בְּצַוָּארוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, שֶׁכָּל חוֹלֶה הָרוֹאֶה אוֹתוֹ מִיַּד מִתְרַפֵּא", אַ טֵייעֶרֶע שְׁטֵיין אִיז גֶעהָאנְגֶען אוֹיף אַבְרָהָם אָבִינוּ'ס הַאלְז, און יֶעדֶער קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעקוּקְט דֶערוֹיף אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן זַיין קְרֶענְק, וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁטֵיין? - דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וָואס דָאס הֵיילְט פוּן אַלֶע קְרֶענְק, און דָאס אִיז דִי חֵן וָואס דִי יְפַת תֹּאַר הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ.

און מֵחֲמַת דֶעם הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז זִי הָאט אַלִירְלֵיי חֵן. און אוֹיף דֶעם בַּארְג קָאנֶען מֶער נִיט קוּמֶען. נָאר חֲכָמִים און עֲשִׁירִים וְכוּ'. (און וַוייטֶער הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט) און סֶע נָאךְ דָא זֵייעֶר אַסַאךְ דְרִינֶען. (דָאס וָואס דָא שְׁטֵייט מִיט דִי שְׁבוּיִם דָאס אִיז נִיט אוֹיף גִישְׁרִיבְּן גִיוָוארִין גֶוּט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט עֶס דֶערְצֵיילְט).

מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ וְכוּ'. מָה רַבּוּ צָרָי רַבִּים קָמִים עָלָי. וְאַתָּה ה' מָגֵן בַּעֲדִי כְּבוֹדִי וּמֵרִים רֹאשִׁי וְכוּ'. פַאר טַייטְשׁ גוּט דָאס גַאנְצֶע קַאפִּיטְל און פַארְשְׁטֵיי גוּט. וֶועסְטוּ זֶעהְן וִוי אַזוֹי דָארְט אִיז מְרוּמָּז דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין אַ הֵיילִיגֶע שַׁבָּת, שַׁבַּת פָּרָה, רַשִׁ"י זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יט, ב) אַז מִצְוַת פָּרָה אֲדוּמָּה אִיז אַ חֹק, אַ מִצְוָה וָואס מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דֶעם טַעַם דֶערוֹיף, אַלֶע מְפָרְשִׁים שְׁטֶעלְן זִיךְ דֶערוֹיף, רַשִׁ"י אַלֵיין בְּרֶענְגְט דָאךְ שְׁפֶּעטֶער (שָׁם פָּסוּק כב) בְּשֵׁם רֶבִּי מֹשֶׁה הַדַּרְשָׁן דֶעם טַעַם: "מָשָׁל לְבֶן שִׁפְחָה", עֶס אִיז אַ מָשָׁל צוּ אַ קִינְד, אַ זוּן פוּנֶעם דִינְסְט, "שֶׁטִּנֵּף פַּלְטִין שֶׁל מֶלֶךְ", וָואס הָאט פַארְשְׁמִירְט דֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, "אָמְרוּ תָּבֹא אִמּוֹ וּתְקַנֵּחַ הַצּוֹאָה", הָאט מֶען גֶעזָאגְט מֶען זָאל רוּפְן זַיין מַאמֶע זָאל עֶס קוּמֶען אָפְּרֵיינִיגְן, "כַּךְ תָּבֹא פָרָה וּתְכַפֵּר עַל הָעֵגֶל", וֶועגְן דֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַ פָּרָה אֲדוּמָּה צוּ פַארְצֵייעֶן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן אִיר קִינְד דִי עֵגֶל; נָאר מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער חוֹק פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה, אַז עֶס אִיז "מְטַהֵר טְמֵאִים וּמְטַמֵּא טְהוֹרִים", דֶער כֹּהֵן וָואס שְׁפְּרִיצְט דֶעם מֵי חַטָּאת אוֹיפְ'ן טָמֵא'נֶעם מֶענְטְשׁ - עֶר וֶוערְט טָמֵא און דֶער טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט רֵיין, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז אוּמְפַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, דָאס אִיז אַ חוֹק אָן אַ טַעַם.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען קֶען דָאס זֶען בְּחוּשׁ, עֶס קוּמְט אַ טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ, אַ טָמֵא מֵת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמב): "הִרְהוּרִים שֶׁל נִאוּף הֵם בְּחִינַת אֲבִי אָבוֹת הַטֻּמְאָה", טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת פוּן נִיאוּף אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה, "בְּחִינוֹת מֵת", מֶען וֶוערְט טָמֵא בְּטֻמְאַת מֵת, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - דַאן אִיז גָאר בִּיטֶער, וֶוען אַזַא אֵיינֶער קוּמְט צוּם צַדִּיק און דֶער צַדִּיק פָּארֶעט זִיךְ מִיט אִים, עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ, עֶר רֶעדְט זַיין שְׁפְּרַאךְ, עֶר דְרֵיידְט אַרוּם אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט אִים בִּיז עֶר פּוֹעֶלְ'ט בַּיי אִים עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפְּרִיצְט אוֹיף אִים דִי מֵי חַטָּאת, דִי מַיִם טְהוֹרִים, עֶר וַוייזְט יֶענֶעם אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט און וִוי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט, עֶר וַוייזְט אִים דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס פַּאסִירְט נָאכְדֶעם? יֶענֶער הֵייבְּט אָן זָאגְן אוֹיפְ'ן צַדִּיק אַז דֶער צַדִּיק שְׁטִינְקְט, 'פַארְוָואס רֶעדְט עֶר אַזוֹי?' 'פַארְוָואס שְׁרַייבְּט עֶר אַזוֹי?' און 'פַארְוָואס פִירְט עֶר זִיךְ אַזוֹי?'

## וֶוער שְׁטִינְקְט?!

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן דֶעם מָשָׁל, וֶוען אַ בֵּית הַכִּסֵּא וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט וַוייל עֶס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִינֶעם לָאךְ אַ קְלֵיינֶע שְׁפִּילְצֵייג פוּן אַ קִינְד וְכַדּוֹמֶה, רוּפְט מֶען אַ קָאמְפֶּענִי וָואס קֶען אוֹיפְשְׁטָאפְּן בֵּית הַכִּסֵּא'ס, זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן סְפֶּעצִיעֶלֶע קְלֵיידֶער פוּנֶעם קָאפּ בִּיזְ'ן פִּיס, און זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי סוּעֶר לָאךְ און שְׁטָאפְּן אוֹיף דִי פֵּייפְּס (רֶערְן), וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרוֹיף פוּנֶעם לָאךְ פַארְשְׁטָאפְּן זִיךְ אַלֶע דִי נָאז און זָאגְן: "גֵייטְס אַוֶועק פוּן דָא, עֶטְס שְׁטִינְקְטְס!" אֵיי שְׁטִינְק אִיךְ דֶען בִּכְלַל, בַּאלְד גֵיי אִיךְ אַהֵיים אִיךְ נֶעם אַ גוּטֶע שַׁאוּעֶר אִיךְ וַואשׁ זִיךְ אַרוּם און אִיךְ שְׁמֶעק זֵייעֶר גוּט, פוּן וָואס דֶען שְׁטִינְק אִיךְ? אִיךְ שְׁטִינְק פוּן דַיינֶע שְׁמוּץ...!!

אַזוֹי זֶע אִיךְ יֶעדֶע יָאר זוּמֶער אִין קֶעמְפּ, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט פָארְזִיכְטִיג און זֵיי נִיצְן פְרֶעשׁ וֵוייפְּס און דָאס פַארְשְׁטָאפְּט דִי גַאנְצֶע סוּעֶר סִיסְטֶעם, דַארְף מֶען רוּפְן אַ קָאמְפֶּענִי זָאל עֶס קוּמֶען אוֹיפְשְׁטָאפְּן, וֶוען זֵיי קוּמֶען אָן מִיט זֵייעֶרֶע טְרָאקְס לוֹיפְן אַלֶע קִינְדֶער אַוֶועק און זָאגְן: "פֶּעךְ, דֶער טְרָאק שְׁטִינְקְט, דִי אַרְבֶּעטֶערְס שְׁטִינְקֶען..." אֵיי פַארְוָואס זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען? וַוייל דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם בֵּית הַכִּסֵּא פְרֶעשׁ וֵוייפְּס, דַארְפְן זֵיי זִיךְ יֶעצְט פָּארֶען מִיט דַיינֶע זַאכְן וָואס שְׁטִינְקְן, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט זֵיי...

דָאס הָאבּ אִיךְ צוּגֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ דִי פָּאר יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי אִים, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי זַאכְן, וַוייל אַזוֹי אִיז עֶס, אַז מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ און אוֹיף אֵיינְמָאל אִים מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַרוּמְשְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶר מֹחַ אוֹיף אַלֶע וֶועגְן בִּיז עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, חוּמָשׁ און גְמָרָא, עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ' וְכוּ', בִּיז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען גֶעוָוארְן אַ חֵלֶק פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן יֶעדְן טָאג לֵייגְן תְּפִילִין, דַאוֶוענֶען אַלֶע תְּפִילוֹת, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ' וְכוּ', בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, פְלוּצְלִינְג הֵייבְּט דֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אָן שְׁרֵייעֶן: "דֶער צַדִּיק שְׁמֶעקְט נִישְׁט גוּט, פַארְוָואס דַארְף עֶר אַזוֹי רֶעדְן? פַארְוָואס דַארְף עֶר אַזוֹי שְׁרַייבְּן?" עֶר הֶערְט וִוי דֶער צַדִּיק רֶעדְט צוּ דִי נֵייעֶ מְקוֹרָבִים פוּן פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן אִין אִידִישְׁקֵייט, וואוּנְדֶערְט עֶר זִיךְ: "פַארְוָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן דִי אַלֶע פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן?" בִּיז עֶר מַאכְט אָפּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין צַדִּיק...

## לָאקְשְׁן מִיט קֶעז

פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט קַיין צַדִּיק, וַוייל עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף צוּ פָּשׁוּט?! מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, דְרֵיי מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן נִישְׁט פוּנֶעם צַדִּיק, זַיין וַוייבּ, זַיינֶע קִינְדֶער און זַיין גַבְּאַי; וַוייל זֵיי זֶעעֶן וִוי דֶער צַדִּיק אִיז אַ סְתָּם אַ מֶענְטְשׁ פּוּנְקְט וִוי אַנְדֶערֶע, עֶר עֶסְט, עֶר שְׁלָאפְט, עֶר אִיז בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן. אָבֶּער דִי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אִין אַ טָעוּת, זֵיי מֵיינֶען אַז אַ צַדִּיק עֶסְט נִישְׁט, זֵיי מֵיינֶען אַז אַ צַדִּיק שְׁלָאפְט נִישְׁט. דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן אַמָאל גֶעכַאפְּט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶסְן לָאקְשְׁן מִיט טְשִׁיז (קֶעז), הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן חוֹזֶק מַאכְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין צַדִּיק, עֶר אִיז סְתָּם אַ פָּאפֶּער, עֶר עֶסְט לָאקְשְׁן מִיט טְשִׁיז (קֶעז)... מֶען הָאט דָאס נָאכְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טְרַאכְט עֶטְץ, וָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעגֶעסְן? מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין לָאקְשְׁן מִיט טְשִׁיז (קֶעז)? וָואס דֶען הָאט עֶר גֶעגֶעסְן, זַאמְד?!" דָאס אִיז דִי טָעוּת פוּן מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַ צַדִּיק אִיז אֵיינֶער וָואס עֶסְט נִישְׁט, עֶר שְׁלָאפְט נִישְׁט, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּן פוּן וֶועלְט, און אַזוֹי זֶעט מֶען בַּיי אַלֶע חַסִידוּתְ'עֶר, וֶוער זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע חֲסִידִים? - דִי וָואס וואוֹינֶען וַוייט פוּנֶעם רֶבִּ'ין, וַוייל עֶר זֶעט נָאר זַיין רֶבִּ'ין אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג מִיט דִי וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע וְכוּ', דִי וָואס וואוֹינֶען אַ גַאנְץ יָאר נֶעבְּן דֶעם רֶבִּ'ין זֵיי זֶעעֶן זַיין לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד, טְרַאכְטְן זֵיי אַז עֶר אִיז סְתָּם אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין צַדִּיק.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל פְּרוּבִּירְט מְקָרֵב זַיין אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעלִיגְן אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ זוּךְ אֵיינֶעם וָואס אִיז אַבִּיסְל הֶעכֶער פוּן אִים, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז צוּ פָּשׁוּט פַאר מִיר...".

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בִּילְד וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֵייט אִין אוּמַאן מִיט נָאךְ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מַשְׁפִּיעִים אִין בְּרֶסְלֶב, אַז מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם בִּילְד קוּקְט אוֹיס וִוי דִי צְוֵויי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי לֶעבְּן מִיט אַ דְבֵיקוּת

אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי זֵיי פְּלִיעֶן אִין דִי הִימְלֶען... אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה וֶוער זֶענֶען זֵיי? נֶעכְטְן הָאבְּן זֵיי נָאךְ גֶעגֶעסְן יוֹם כִּפּוּר רַחֲמָנָא לִצְלָן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נָאר גֶעגֶעסְן בָּשָׂר וְחָלָב, פְלֵייש מִיט קֶעז, נָאר נֶעכְטְן הָאבְּן זֵיי נָאךְ גֶעגֶעסְן הָאזְן פְלֵייש רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן קוּקְן זֵיי אוֹיס מוֹרָא'דִיג עוֹבֵד'יש און מוֹהֲרָא"ש אִיז דֶער פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד...

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ אַרַיינְגֶעקְלֶערְט אִין דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען חִיזּוּק און שֵׂכֶל פוּן אִים און נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס אִיז דֶער סִיבָּה דֶערְפוּן? דִי סִיבָּה אִיז פָּשׁוּט, אַ מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ צוּ זַיין עֶפֶּעס מֶער וִוי אַ צְוֵייטְן, פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת אִיז נִישְׁט גֶענוּג פַאר אִים, עֶר זוּכְט עֶפֶּעס הֶעכֶערְס... און מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת פַאר אַן עִיקָר, זִיךְ מְחַיֶּה מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט - דֶערְפַאר הָאט דָאס נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי; אִיךְ גֶעדֶענְק אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְן מִיר מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן: "נָאךְ אַבִּיסְל גֵייסְטוּ אוֹיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן מוֹהֲרָא"שׁ", אָבֶּער אִיךְ פְלֶעג זֵיי עֶנְטְפֶערְן (מִיטְ'ן לָשׁוֹן פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וְתָּם): "אַז גָאט זָאל בַּיי מִיר דֶעם שֵׂכֶל אַוֶועק נֶעמֶען, אָדֶער אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם קְרַאנְק וֶוערְן קֶען זַיין אַז אִיךְ וֶועל אוֹיךְ אָפְּלָאזְן מוֹהֲרָא"שׁ!" אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ נָאר פַאר דֶעם אֵיין סִיבָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע הוֹיכֶע פְּלֶעצֶער פוּן קַבָּלָה וְכוּ', אִיךְ זוּךְ וִוי פָּשׁוּטְ'עֶר עֶס אִיז דָא. און אַגַב הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און אַזוֹי טוּ אִיךְ, יֶעדְן טָאג בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן מִיט מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן.

## פַּארְוָואס אַזוֹיפִיל חִיזּוּק?

מִיר הַאלְטְן יֶעצְט דְרֵיי וָואכְן פַאר פֶּסַח, בֶּעפָאר פֶּסַח גֵייעְן מִיר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף עֶנְדִיגְן 'מַסֶכֶת פְּסָחִים' און אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ מַסֶכְתָּא, מַסֶכֶת שְׁקָלִים, לָאמִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, "פַּארְוָואס דַארְף מֶען רֶעדְן אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוֹיף דָאס לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶערְנְט דָאס סַיי וִוי?" "פַּארְוָואס דַארְף מֶען אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער רֶעדְט דָאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?" פַּארְוָואס דַארְף מֶען אַזוֹיפִיל רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, יֶעדֶער הָאט שָׁלוֹם בַּיִת?" - אָבֶּער עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען אַז נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן בְּלַייבְּט עֶס נָאךְ אַלְץ אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ מְקַיֵּים זַיין, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אָן דִי אַלֶע חִיזּוּק וָואלְט עֶס גֶעוֶוען גְרִינְגֶער?!

אֲפִילוּ אוּנְז וָואס מִיר הֶערְן אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוֹיפְ'ן לֶערְנֶען דֶעם 'בְּלַאט גְמָרָא' קוּמְט נָאכְאַלְץ אָן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ עֶפֶּענֶען דִי גְמָרָא, און נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוֹיף 'רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן' אִיז עֶס נָאכְאַלְץ אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ טוּן, און נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוֹיף 'שָׁלוֹם בַּיִת', רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַזַא גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע זִיךְ יָא צוּ קְרִיגְן אִין שְׁטוּב, אָבֶּער קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזּוּק?!...

## הִתְבּוֹדְדוּת

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן עֶטְלִיכֶע נְקוּדוֹת וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, און גֶעזָאגְט: לָאמִיר רֶעדְן פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ טָאג וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט זַיין אַ מוּצְלָחְ'דִיגֶע טָאג; אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ צַייט וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אִין בַּיי זִיךְ אִין שְׁטָאט צוּלִיבּ מְסִירוֹת, אָבֶּער מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען אוֹיף אִים קַיין חִילוּק צְוִוישְׁן וֶוען עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דִי צָרָה און וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, אֵיין חִילוּק הָאט זִיךְ אָנְגֶעזֶען אוֹיף אִים, צִי עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט 'הִתְבּוֹדְדוּת' אָדֶער נִישְׁט, פַאר עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הִתְבּוֹדְדוּת אִיז עֶר נָאךְ גֶעוֶוען אִין דִי צָרָה, אָבֶּער אֵיינְמָאל עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט זַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזוֹי רוּאִיג וִוי גְלַייךְ עֶס אִיז נִישְׁטָא בַּיי אִים קַיין צָרָה.

וָואס מֵיינְט 'הִתְבּוֹדְדוּת'? אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ, סַיי אַ קְלֵיינֶע זַאךְ און סַיי אַ גְרוֹיסֶע, יֶעדֶע זַאךְ זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אִין אוּמַאן פַאר אַ וִויכְטִיגֶע צְוֶועק, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ אִיד און אִים גֶעבֶּעטְן צְדָקָה, הָאט אִים יֶענֶער גֶעגֶעבְּן אַ סְכוּם גֶעלְט, הָאט אִים רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מוֹסִיף זַיין נָאךְ גֶעלְט, הָאט יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "פֵיין, אִיךְ הֶער וָואס אִיר בֶּעט מִיר, אִיךְ וֶועל עֶס גֵיין דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן", הָאט אִים רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: "וָואס אִיז דָאס וָואס אִיר דַארְפְט גֵיין יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?" הָאט יֶענֶער אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעוואוּסְט הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אַז אִיר גֵייט נָאךְ גֶעלְט פַאר צְדָקָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוֹיף זִיכֶער וִויפִיל גֶעלְט אַייךְ צוּ גֶעבְּן, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען 'הִתְבּוֹדְדוּת' פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִויפִיל גֶעלְט אִיךְ זָאל אַייךְ גֶעבְּן און עֶס אִיז מִיר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קָאפּ צוּ גֶעבְּן דֶעם סְכוּם וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ יֶעצְט גֶעגֶעבְּן, דֶערְוַוייל אַז אִיר בֶּעט מִיר צוּ מוֹסִיף זַיין נָאךְ גֶעלְט דַארְף אִיךְ עֶס גֵיין נָאכְאַמָאל דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן", רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אִיז מַמָשׁ אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת, צוּ זֶען וִוי אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אַזַא תְּמִימוּת מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן יֶעדֶע זַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## שָׁלוֹם בַּיִת

יֶעצְט לָאמִיר רֶעדְן אַבִּיסְל פוּן 'שָׁלוֹם בַּיִת'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט און אוֹיפְגֶעפָּאדֶערְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ; מִיר דַארְפְן הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אוּנְז כְּסֵדֶר מְחַזֵּק זַיין צוּ רֶעדְן שֵׁיין און רוּאִיג צוּ דִי וַוייבּ, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַ וַוייבּ: "פַּארְוָואס אִיז דִי עֶסְן נָאכְנִישְׁט גְרֵייט?!" "פַּארְוָואס בְּלָאזְטוּ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ?!"

אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף זֵיי; דוּ מֵיינְסְט אַז קִינְדֶער מַאכְן נֶערְוֶועז? - אָן קִינְדֶער אִיז מֶען נֶערְוֶועז! קִינְדֶער אִיז נָאר אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּב.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז זֵיי וֶועלְן צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער און אַוֶועק פָארְן אוֹיף שַׁבָּת, וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַבִּיסְל מְנוּחָה פוּן דִי קִינְדֶער, דוּ כַאפְּסְט אָבֶּער נִישְׁט אַז 'דוּ' פָארְסְט מִיט מִיר דִיר... נִישְׁט דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער זֶענֶען דִי פְּרָאבְּלֶעם, דוּ בִּיסְט דֶער פְּרָאבְּלֶעם, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִיר אַלֵיינְס, דוּ הָאסְט אֵיין עֵצָה צוּ בַּאקוּמֶען מְנוּחָה, גֵיי אִין אַ זַייט און וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טוּ תְּשׁוּבָה, וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסוּדָר.

## פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ דֶעם רֶבִּי'ן?!

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר שְׁטֶענְדִיג פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ דֶעם רֶבִּי'ן, צִי קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָנֶעם רֶבִּי'ן? עֶס זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוע'ר רָב, דֶער הֵיילִיגֶער גָארְלִיצֶער רָב, און דִי אַלֶע גְּדוֹלִים פוּן לִיטָא, דֶער חֲזוֹן אִישׁ, רֶבִּי חַיִּים בְּרִיסְקֶער, דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן וְכוּ' וְכוּ', פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ הָאבְּן דֶעם בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רֶבִּי? - מִיר דַארְפְן אָבֶּער זִיךְ דֶערְמַאנֶען וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעקוּקְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן און וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; מֶען הֵייבְּט מָארְגְן אָן צְוֵויי סֶדְרוֹת, פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל און פְּקוּדֵי, פְרֶעג זִיךְ אַלֵיין 'הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא? דוּ וֵוייסְט אַז עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'עֶט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ד) אַז עַל פִּי הַלָכָה טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט וַואשְׁן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי צוּ דִי סְעוּדָה אֵיידֶער מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מַעֲבִיר סֶדְרָה

זַיין דִי סֶדְרָה. וואו הַאלְסְטוּ מִיט סֵפֶר שְׁמוֹת? סֵפֶר בְּרֵאשִׁית אִיז כָאטְשׁ גֶעוֶוען אַ לֶענְגֶערֶע סֵפֶר, אָבֶער סֵפֶר שְׁמוֹת אִיז דָאךְ דוּרְכְגֶעלָאפְן אַזוֹי שְׁנֶעל, עֶס הָאט זִיךְ קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן מֶען אִיז עֶס שׁוֹין כִּמְעַט אַדוּרְךְ; אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט פַאר אוּנְז אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען עֶנְדִיגְט דִי סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג צוּבִּיסְלֶעךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

וִוי אַזוֹי הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַ שַׁבָּת בַּיי אוּנְז אָנֶעם רֶבִּי'ן? וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער 'חַיוּת' אוּם שַׁבָּת? עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיוּת אוּם שַׁבָּת אִיז דָאס אַז זֵיי קֶענֶען זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מַאכְן קִידוּשׁ פִינְף זֶעקְס שָׁעָה נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען, אָדֶער בְּלַייבְּן אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט וְכַדוֹמֶה, אָבֶער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִינֶעם שַׁבָּת אַלֵיין. דָאס אַלֵיינְס אַז אִיךְ הִיט שַׁבָּת - אִיז מַיין חַיוּת, דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן מַאכְן מִיר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס, דֶער עִיקָר אִיז אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הִיט שַׁבָּת!

וִוי אַזוֹי הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַ יוֹם טוֹב פַאר מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן? וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר דַאֲגָה פוּנֶעם יוֹם טוֹב: 'וֶוען הָאסְטוּ גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם סֵדֶר אוּן וֶוען הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם סֵדֶר? אָדֶער זוּכְט יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיפְצוּקוּמֶען מִיט אַ אַנְדֶערֶע חוּמְרָא וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אָבֶער הַיינְט אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר הָאבְּן דִי זִיסֶע וֶועג וָואס מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט מִיט אוּנְז, וָואס אִיז אַ חִילוּק וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם סֵדֶר? אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ אוֹיךְ ווִיסְן אוֹיף ווִיפִיל קִישֶׁענֶעס אִיךְ שְׁלָאף בַּיינַאכְט?! וָואס אִיז דִיר נוֹגֵעַ דִי אַלֶע זַאכְן?! בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן מַצָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרִינְקֶען פִיר כּוֹסוֹת וַויין - דָאס אִיז הַיינְט מַיין חַיוּת פוּנֶעם יוֹם טוֹב.

עֶטְץ וֵוייסְט וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין סֵדֶר פֶּסַח בַּיינַאכְט? הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ בַּיים סֵדֶר, דֶערְצֵיילְט עֶר אַז וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין גְרוֹיסֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט נִישְׁט נָאר דֶעם 'אֲפִיקוֹמָן' פַאר חֲצוֹת נָאר עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעהַאט גֶעעֶנְדִיגְט 'קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה' פַאר חֲצוֹת! - אִיךְ זָאג דָאס נִישְׁט כְּדֵי דוּ זָאלְסְט יֶעצְט דָאס ווִילְן נָאכְמַאכְן אוּן זָאגְן אַז דֶער מִנְהָג אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז צוּ מַאכְן אַ שְׁנֶעלֶע סֵדֶר, דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מַאכְן דַיין סֵדֶר ווִילַאנְג עֶס נֶעמְט דִיר, אָבֶער מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן קַיין שְׁטוּתִים, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער יוֹם טוֹב. [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז דָאס אִיז אַ כְּלַל, מֶען דַארְף לֶעבְּן נַאטוּרְלִיךְ, מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֶערְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטוּן].

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז 'חִיזוּק' יֶעדְן טָאג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער אִיךְ בִּין, נִישְׁט קַיין וִוי אַזוֹי אִיךְ בִּין, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן - זָאל אִיךְ נָאכְאַלְץ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה שְׁרַייבְּט (אָנְהֵייבּ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (בְּרָכוֹת ל:): "אֲפִלּוּ הַמֶּלֶךְ שׁוֹאֵל בִּשְׁלוֹמוֹ, לֹא יְשִׁיבֶנּוּ, וַאֲפִלּוּ נָחָשׁ כָּרוּךְ עַל עֲקֵבוֹ, לֹא יַפְסִיק", מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען סַיי אוֹיבּ דֶער קֶענִיג בַּאגְרִיסְט דִיר אוּן סַיי אוֹיבּ אַ שְׁלַאנְג נֶעמְט דִיר אַרוּם; לִכְאוֹרָה וָואס אִיז דִי צוּזַאמְשְׁטֶעל פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן אַ קֶענִיג אוּן אַ שְׁלַאנְג, דָאס זֶענֶען דָאךְ צְוֵויי וַוייטֶע זַאכְן? נָאר - עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה - דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף צְוֵויי זַאכְן וָואס קִילְן אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן צוּ דַאוֶוענֶען; "הַמֶּלֶךְ שׁוֹאֵל בִּשְׁלוֹמוֹ" - מֵיינְט מֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ פִילְט זִיךְ אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר פִילְט שׁוֹין וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאגְרִיסְט אִים, זָאגְט אִים דִי מִשְׁנָה: "לֹא יְשִׁיבֶנּוּ", עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דָאס דַאוֶוענֶען, אוּן "נָחָשׁ כָּרוּךְ עַל עֲקֵבוֹ" - מֵיינְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'נָחָשׁ', אַ שְׁלַאנְג, אַז אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאךְ דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייטֶער קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי פָּגוּם מִיט עֲבֵירוֹת אוּן זַיין דַאוֶוענֶען אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶערְפַאר זָאגְט דִי מִשְׁנָה: "לֹא יַפְסִיק", עֶר זָאל נִישְׁט מַפְסִיק זַיין פוּן דַאוֶוענֶען. מִיר הַאלְטְן נָאךְ בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע בְּחִינָה, צוּ אוּנְז קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּנְז צֶעבְּרֶעכְן מִיט אוּנְזֶער פַארְגַאנְגֶענְהֵייט וָואס מִיר זֶענֶען נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין עֲבֵירוֹת, דַארְפְן מִיר ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

וֶוען נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז יֶעדֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אָן קַיין חַיוּת, אָן קַיין טַעַם; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב צַדִיק אַ צַדִיק אִיז דָאס אָנְטוּן דִי תְּפִלִּין יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי - אַ גַאנְצֶע יָאךְ, אָבֶער דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין זִיסֶע טְרָאפְּן אִין דִי מִצְוֹת, דִי תְּפִלִּין הָאט בַּאקוּמֶען אַ חַיוּת, אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ טוּ יֶעצְט אַ מִצְוָה, דֶער רֶבִּי דְרֵיידְט אוּנְז אַרוּיף דִי רְצִיעוֹת מִיט אַזַא זִיסְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק.

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָאס אַז אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג קֶענֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּעָפָאר אִיךְ הֵייבּ אָן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען אִינְזִינֶען הָאבְּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה", דָאס בַּאקוּם אִיךְ נָאר פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין פַארְגֶעסְן אִינְזִינֶען הָאבְּן, אָבֶער אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף דֶעם רָצוֹן, צוּ בֶּעטְן דֶערוֹיף יֶעדְן טָאג פְּרִישׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**נָאכְ'ן שִׁיעוּר אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען מֶען מַאכְט אַ סֵדֶר מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען זֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי פְּלֶעצֶער וואוּ דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט, וַוייל דַאן קֶען גֶעשֶׁען אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין כֹּחַ מִיט צוּ הַאלְטְן אוּן זֵיי וֶועלְן אַוֶועק לוֹיפְן פוּן טִישׁ, וִוי עֶס אִיז דִי סֵדֶר פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער. הָאט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶר זָאל עֶס קְלָארֶער מַסְבִּיר וואוּ מֶען זָאל סְתַּם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן וואוּ מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן טַייטְשְׁן דִי הַגָּדָה, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַזוֹי: בַּיי דִי גַאנְצֶע הַגָּדָה אִיבֶּערָאל וואוּ עֶס שְׁטֵייט פְּסוּקִים דָארְט זָאגְט מֶען עֶס סְתַּם גֶעשְׁמַאקֶערְהֵייט אָן דִי טַייטְשׁ, אָבֶער בַּיי גֶעוִויסֶע שְׁטִיקְלֶעךְ וואוּ מֶען קֶען אַרַיינְלֵייגְן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער דָארְט דַארְף מֶען זִיךְ יָא אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן עֶס טַייטְשְׁן פַאר זֵיי, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, בַּיי דֶעם שְׁטִיקְל "וַנִּצְעַק אֶל ה' אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ וְגוֹ'", דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער: וָואס הָאבְּן דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם גֶעטוּן וֶוען דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן זֵיי גֶעפַּיינִיגְט? זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע אוּנְז פוּן דִי מִצְרִיִּים" וֶועגְן דֶעם הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן מִצְרַיִם. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דֶעם שְׁטִיקְל: "וַיּוֹצִאֵנוּ ה' מִמִּצְרַיִם, לֹא עַל יְדֵי מַלְאָךְ וְלֹא עַל יְדֵי שָׂרָף וְלֹא עַל יְדֵי שָׁלִיחַ. אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ", דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער: וֶוער הָאט אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם? נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ, נִישְׁט קַיין שָׂרָף נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע עֶנְלִיכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ שֵׁיינֶע בַּעַל תְּפִלָּה וָואס ווִיל נִישְׁט סְתַּם אוֹיפְהַאלְטְן דִי עוֹלָם, פַארְשְׁטֵייט עֶר אַז עֶר קֶען נִישְׁט סְתַּם אוֹיסְצִיעֶן בַּיי 'קַדִּישׁ' וְכַדוֹמֶה, זוּכְט עֶר אוֹיף דִי גוּטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ וואוּ דֶער עוֹלָם הָאט סַיי וִוי אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין אוּן דָארְט צִיט עֶר עֶס אוֹיס אוּן דִי עוֹלָם כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צִיט אוֹיס.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט: בַּיי דִי סֵדֶר אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן קַיין תּוֹרוֹת אוּן קַיין לַאנְגֶע מַעֲשִׂיוֹת, בַּיים סֵדֶר רֶעדְט מֶען צוּ דִי קִינְדֶער פָּשׁוּטְ'עֶ דִיבּוּרִים פוּן אֱמוּנָה, וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער טוּעֶן וֶוען זֵיי הָאבְּן אַ צָרָה אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל זֵיי מְחַזֵּק זַיין; יוֹם טוֹב אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי סְעוּדָה דֶעמָאלְט קֶען מֶען דֶערְצֵיילְן לֶענְגֶערֶע מַעֲשִׂיוֹת, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיךְ אַז אָנְהֵייבּ סְעוּדָה וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען הוּנְגֶערִיג אִיז נִישְׁט גוּט זֵיי אוֹיפְצוּהַאלְטְן, נָאר וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי דִי פִישׁ דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵיי דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת.

אוֹיךְ דַארְפְן אִינְגֶעלַייט ווִיסְן אַז מֶען דַארְף רֶעדְן אוֹיף אַזַא שְׁטַאפְּל עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער פוּן יֶעדֶע יָארְגַאנְג וָואס זִיצְן בַּיי דִי סְעוּדָה, וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אַנְטְלוֹיפְן צוּ זֵייעֶרֶע שְׁפִּילְצֵייג.